28 האָבן טרויער אויף טרויער. איך האָב אים דעריבער
מער איילנדיק געשיקט, כדי איר זאָלט זיך פרייען,
ווידער זעענדיק אים, און איך זאָל זיין אָן זאָרג.
29 זייט זשע אים מקבל אין דעם האַר מיט יעדער
שמחה; און טיילט צו כבוד אַזעלכע ווי ער איז;
30 ווייל צוליב דעם ווערק פון משיח איז ער
געקומען נאָנט צום טויט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן
כדי צו דערפילן דאָס, וואָס האָט געפעלט אין
אייער באַדינונג פאַר מיר.

## קאַפּיטל דריי

1 ווייטער, ברידער מיינע, פרייט זיך אינם האַר.
צו שרייבן צו אייך די זעלביקע זאַכן איז פאַר
מיר נישט קיין לאַסט, פאַר אייך אָבער איז עס אַ
פאַרזיכערונג.
2 היט זיך פאַר די כלבים, היט זיך פאַר די שלעכטע
אַרבעטער, היט זיך פאַר דער קערפּערלעכער
3 באַשניידונג; וואָרום מיר זענען די (פון דער אמתער
באַשניידונג), וואָס דינען ג־ט דורכן גייסט, וואָס
באַרימען זיך אינם משיח ישוע, און האָבן נישט
4 קיין בטחון אויף דעם גשמיותדיקן; הגם איך וואָלט
אויך געקענט האָבן בטחון אויף דעם גשמיותדיקן;
אויב אַן אַנדערער מיינט, ער קען האָבן בטחון אויף
5 דעם גשמיותדיקן, קען איך פיל מער; מיך האָט מען
מל געווען דעם אַכטן טאָג, איך בין פונם פאָלק
ישראל, פונם שבט בנימין, אַן עברי פון די עברים,
6 אַ פרוש לויט דער תורה; לויט דער קנאות—אַ
רודף פון דער קהלה; וואָס שייך דער צדקות,
7 וועלכע קומט פון דער תורה, אָן אַ מום. נאָר די
זאַכן, וואָס זענען פאַר מיר געווען אַ געווינס, זיי